בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת שְׁמוֹת

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי רֶעכְנְט מֶען אוֹיס דִי וֶוערְטֶער אִין סִידוּר?......................................א
וָואס הָאט הָרַב הַקָדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאלְטְן וֶועגְן בְּרֶסְלֶב? .........ג
אִיז אַ פֶּעלֶער אַז מֶען וֵויינְט אַסַאךְ?......................................ה
גֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן פַאר קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן דַאוְוענֶען?......................................ז
וִוי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ מַיינֶע גֶעפַאלֶענֶע בְּרִידֶער? ......................................ח
אוֹיסְלָאזְן דִי דִקְדוּק רַשִׁ"י'ס?......................................י
אוֹיסְפְּרֶעגְן דִי תַּלְמִידִים זֵייעֶר פְּרִיוַואטֶע עָבַר? ......................................יא
לָאזְן כָּארְן קַיין אוּמַאן, אוֹיב מֶען וֶועט אִים וַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה?......................................יד
וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע נוּסַח צוּ דַאוְוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער?...................................... טו
פַארְוָואס שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין וַוייבּ לֶעקְט דִי פִינְגֶער? ......................................יז
וִוי אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ זַייעֶנְדִיג בַּיי דִי שְׁוִויגֶער אִינְדֶערְהֵיים?......................................יח


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען סְפָרִים......................................א
וַוייז פַארְן קִינְד אַז זַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען חָשׁוּב בַּיי דִיר ......................................ג
קִינְדֶער אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ, קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה......................................ג
נִישְׁט הָאבְּן הִתְפַּעֲלוּת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם......................................ד
דִי רֵיינִיגֶער אִין חֵדֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיי דִי קִינְדֶער......................................ו

צְוֵויי קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן צֶעקְרִיגְן זִיךְ וֶועגְן אַ פּוּשְׁקֶע בָּאנְדְלֶעךְ?..................ו
אִיגְנָארִירְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין ..............................................ז
עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז מֶען פִּירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין ..............ח
מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג, נִישְׁט נָאר וָואס מֶען הָאט לִיבּ..................ח
וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן דִי תִּיקוּן פוּן שׁוֹבָבִי"ם.....................................ט
דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט קַיין קָאנְטְרָאל פְּרִיק ........................................י
תִּיקוּן פַאר שׁוֹבָבִי"ם, צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.......................יב
לֵייג אַרַיין אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִּים ...........................................יג
אַזוֹי סַאךְ שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, בְּלַייבְּט נִישְׁט צַייט צוּ טְרַאכְטְן.........יג
אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, אִיז חַזֶר'ן אֱמוּנָה.........................יד
פַארְגֶענוּגְן אוּם שַׁבָּת, אִיז מֶער וִוי פַאסְטְן טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים ............ טו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי רֶעכְנְט מֶען אוֹיס דִי וֶוערְטֶער אִין סִידוּר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן דִי סִידוּר עֵת רָצוֹן, דִי פֵּירוּשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְן סִידוּר. אִיךְ וויל פַארְשְׁטֵיין וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט בַּיי בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה: "וְאַחַר כַּךְ, בְּאָמְרְךָ בִּרְכַּת 'וְהַעֲרֶב נָא'", נָאכְדֶעם, וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי בְּרָכָה פוּן וְהַעֲרֶב נָא, "תְּכַוֵּן שֶׁיֵּשׁ בִּבְרָכָה זוֹ ל"ב תֵּבוֹת כְּנֶגֶד ל"ב שְׁבִילִין שֶׁבַּחָכְמָה הָעֶלְיוֹנָה, וְכֵן הַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת בל"ב מִידוֹת", זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן אַז דִי בְּרָכָה הָאט צְוֵויי אוּן דְרַייסִיג וֶוערְטֶער אוּן אוֹיף וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז; וויל אִיךְ פְרֶעגְן, ווי אַזוֹי רֶעכְנְט מֶען אוֹיס אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי מִסְפָּר צְוֵויי אוּן דְרַייסִיג? לוֹיט דִי נוּסָח וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין סִידוּר עֵת רָצוֹן קוּמְט אוֹיס דִי חֶשְׁבּוֹן צוּ פִיר אוּן דְרַייסִיג וֶוערְטֶער.

אוֹיךְ בַּיי מִזְמוֹר לְתוֹדָה זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "וְיֵשׁ בְּמִזְמוֹר זֶה מ"ג תֵּיבוֹת", אַז דִי קַאפִּיטְל הָאט דְרֵיי אוּן פֶערְצִיג וֶוערְטֶער, אָבֶּער בַּיים סוֹף פִּירְט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיס: "וְכֵן יֵשׁ בְּמִזְמוֹר זֶה מ"א תֵּיבוֹת", אַז דִי קַאפִּיטְל הָאט אֵיין אוּן פֶערְצִיג וֶוערְטֶער; וויל אִיךְ פְרֶעגְן ווי אַזוֹי מֶען רֶעכְנְט דָאס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, א' דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דִי וֶוערְטֶער בַּיי בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה, אַז דִי בְּרָכָה הָאט צְוֵויי אוּן דְרַייסִיג**

וֶוערְטֶער וְכוּ׳ - אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף אַ שְׁטִיקְל פוּן סֵפֶר שֻׁלְחָן הַטָּהוֹר פוּן הֵיילִיגְן קָאמַארְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס זָאגְט (סִימָן מז, סְעִיף ב׳), אַז מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער ׳וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ׳, אַזוֹי וִוי דֶער מָגֵן אַבְרָהָם זָאגְט (תְּחִלַּת סִימָן מז), אוּן עֶר זָאגְט: "וְיֵשׁ בִּבְרָכָה זֹאת ל"ב תֵּיבוֹת כְּנֶגֶד ל"ב שְׁבִילִים שֶׁבַּחָכְמָה, שֶׁהַתּוֹרָה נִדְרֶשֶׁת בל"ב מִידוֹת".

קַאפִּיטְל מִזְמוֹר לְתוֹדָה הָאט דְרֵיי אוּן פֶערְצִיג וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב), אַז וֶוען מֶען זָאגְט דִי מִזְמוֹר אִיז דָאס אַ סְגוּלָה צוּ פַארְשְׁנַיידְן דִי קְלִיפּוֹת וָואס לָאזְן נִישְׁט גֶעבּוֹירְן; דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט קִשּׁוּי לֵילֵד אִיז דְרֵיי אוּן פֶערְצִיג, זֵיי זָאגְן: "גַּם לִי גַּם לָךְ לֹא יִהְיֶה", גַּ"ם אִיז דְרֵיי אוּן פֶערְצִיג, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט מֶען דֶעם מִזְמוֹר בַּיי פְּסוּקֵי דְזִמְרָא, ווייל בַּיי פְּסוּקֵי דְזִמְרָא אִיז אוֹיף אַ בְּחִינָה פוּן גֶעבּוֹירְן, דִי מוֹחִין וֶוערְן גֶעבּוֹירְן.

דָאס וָואס מוֹהֲרָא"ש פִירְט אוֹיס אַז דֶער מִזְמוֹר הָאט אֵיין אוּן פֶערְצִיג וֶוערְטֶער - אִיז אַ שְׁטִיקְל פוּן עֶמְדִין סִידוּר, וָואס זָאגְט אַז מֶען רֶעכְנְט נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי וֶוערְטֶער, "שֶׁהֵם רַק הוֹדָעַת הַנּוֹשֵׂא", ווייל דָאס זָאגְט נָאר פוּן וָואס דֶער קַאפִּיטְל רֶעדְט זִיךְ; קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אוּן פֶערְצִיג וֶוערְטֶער, דִי מ"א וֶוערְטֶער זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן מ׳ חַלּוֹת, וְקָרְבַּן הַזֶּבַח, עַיֵּין שָׁם.

גֶעדֶענְק דֶער צִיל אוֹיף וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעמַאכְט דִי סִידוּר, נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונוֹת וְכוּ׳, נָאר אוֹיף צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, אוּן צוּ ווייזְן וָואס לִיגְט אַלְץ אִין דִי וֶוערְטֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳; אָבֶער בַּיים דַאוֶוענֶען אִיז קְלָאר אַז מֶען דַארְף אִינְזִין הָאבְּן נָאר דִי טַייטְשְׁט פוּן דִי וֶוערְטֶער. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קכ), וֶוען מֶען דַאוֶוענְט זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן בְּלוֹיז דִי טַייטְשׁ, נִישְׁט דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונוֹת. אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "נָאךְ אַלֶע מַיינֶע כַּוָּונוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן אוּן צוּ דֶערְגְרַייכְן - דַאוֶוען אִיךְ וִוי אַ נַאר, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד אָן קַיין שוּם חָכְמוֹת, אִיךְ דַאוֶוען מִיט דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, מִיט עִבְרִי טַייטְשׁ".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**
**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

...

## וָואס הָאט הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאלְטְן וֶועגְן בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי חִיזוּק אוּן בְּרִיוְון, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַלֵיין וֵוייסְט נִישְׁט וִויפִיל טוֹיזְנְטֶער אִידְן בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי עֶמֶערְס חִיזּוּק יֶעדְן טָאג.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּאגֶעגְנְט אַ סֵפֶר אוּן גֶעזֶען אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין לֶעבְן נִישְׁט גֶעהֶערְט דֶערְפוּן, אַז דֶער לִיעֶזְשֶׁער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פוּן לָאנְדָאן הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶועגְן דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּקָאכְט, אוּן עֶר רוּפְט זִיךְ אָן פַּחַד'יגֶע וֶוערְטֶער: "אֲפִילוּ צַדִּיקִים וּקְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים קֶען נָאךְ אַלְץ זַיין אַ גֶעדַאנְק וִוי זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְזֻכָּךְ אִינְגַאנְצְן, אוּן דָאס קוּמְט פוּנֶעם חֵטְא עֵץ הַדַּעַת, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דֶער רֶבִּי ר' נַחְמָן אִיז גֶעוֶוען מְזֻכָּךְ אִינְגַאנְצְן, מִמֵּילָא אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים דִי בְּחִינָה פוּן וַיְקַנְאוּ בּוֹ אֶחָיו וָואס שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק".

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז בַּאוְויסְט בַּיי סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים אַז דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעלֶערְנְט אַלֶע סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן דִי גַאנְצֶע שִׁיטָה הַקְּדוֹשָׁה אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; אוֹיף אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אוּן**

אוֹיף זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוֹיף קְדוּשָׁה און טָהֳרָה, שְׁמִירַת הַבְּרִית, און אוֹיף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וְכוּ׳.

דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער בְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) פוּן סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן לה): "שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם", עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע אֶפִּיקוֹרְסוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה בְּאֵלּוּ הָעִתִּים", ווארויל אִיז פַאר דִי וָואס וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל כְּלָל מַה שֶׁהוּא מְסַפֵּר זֹאת, שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם וְשֶׁצְּרִיכִין לְהִתְחַזֵּק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁהוּא אוֹמֵר זֹאת אַף עַל פִּי כֵן מִתְגַּבֶּרֶת הָאֶפִּיקוֹרְסוּת וְהַבִּלְבּוּלִים", אִיךְ וֵויס עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאג שׁוֹין דָאס אַלֶעס פָארְאוֹיס, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן אֲנִי מוֹדִיעַ זֹאת מִקֹּדֶם", דָאךְ זָאג אִיךְ יֶעצְט וָואס גֵייט זַיין, "בִּשְׁבִיל אוֹתָן מְעַט הַכְּשֵׁרִים שֶׁיַּחַזְקוּ עַצְמָן בֶּאֱמוּנָתָן", פַאר דִי גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן, "וּבְוַדַּאי יִהְיֶה לָהֶם מִלְחָמוֹת גְּדוֹלוֹת בְּדַעְתָּן", זֵיי וֶועלְן זִיךְ דַארְפְן אַסַאךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, "לְמַעַן יִהְיֶה לָהֶם לְמֵשִׁיב נֶפֶשׁ וְהִתְחַזְּקוּת וְהִתְאַמְּצוּת יוֹתֵר כְּשֶׁיִּרְאוּ שֶׁכְּבָר דִּבְּרוּ מִזֶּה מִקֹּדֶם", דָאס וֶועט זַיין פַאר זֵיי גְרוֹיסֶע חִיזּוּק וֶוען זֵיי וֶועלְן זֶען אַז מֶען הָאט שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר גֶעוואוּסְט וָואס עֶס גֵייט זַיין.

אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶר דֶעם שִׂיחָה (שָׁם, סִימָן רכ) וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל בָּעוֹלָם", עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס וֶועט זַיין אִין דִי וֶועלְט אֶפִּיקוֹרְסוּת, "כִּי מִלְמַעְלָה יָבוֹא אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם", פוּן הִימְל וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען אֶפִּיקוֹרְסוּת, "בִּשְׁבִיל נִסָּיוֹן", כְּדֵי צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן וֶוער עֶס וֶועט זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקְרֶעכְצְט און גֶעזָאגְט: "אוֹי, אֵיךְ יוּכְלוּ לַעֲמֹד אֲנָשִׁים מוּעָטִים נֶגֶד כָּל הָעוֹלָם", וִוי אַזוֹי וֶועלְן אַזוֹי וֵויינִיג מֶענְטְשְׁן קֶענֶען שְׁטֵיין קֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט...

דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פִירְט אוֹיס אִין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה: "וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁרָאָה מָה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִמְשִׁיחָא", דָאס אִיז אַ רוּחַ הַקֹּדֶשׁ

פוּן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעזֶען וָואס וֶועט זַיין אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## אִיז אַ פֶּעלֶער אַז מֶען וֵויינְט אַסַאךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיז אַ פֶּעלֶער אַז מֶען וֵויינְט אַסַאךְ? אִיךְ זָאג אַ גַאנְצֶן צַייט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ בֶּעט נָאר אַ מַתְּנַת חִנָּם, אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶועגְן פַּרְנָסָה, חוֹבוֹת, אוּן פַארְבֶּעסֶערְן וָואס אִיךְ דַארְף פַארְבֶּעסֶערְן, אוּן נִישְׁט זַיין בֵּייז, אוּן נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג צוּ יֶעדְן, וּבִפְרַט אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיךְ אַז אִיךְ זָאל גֶעבְּן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען.

עֶס אִיז דָא טֶעג וָואס אִיךְ וֵוויין זֵייעֶר אַסַאךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג מִיט דֶעם? וִוי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ אוֹיבּ דִי וֵויינֶען הָאט אַ שַׁייכוּת מִיט עַצְבוּת? אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר זִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען מֶענְטְשְׁן צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד אוּן וִוי אַ קִינְד שְׁמוּעֶסְט מִיט זַיין טַאטֶע; דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ וִויסְן אוֹיבּ דִי וֵויינֶען קוּמְט פוּן עַצְבוּת? אוֹיבּ מֶען אִיז בְּרוֹגֶז, מֶען רֶעדְט זִיךְ אָפּ - דָאס אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ

קוּמְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְסְט אַ מַתְּנַת חִינָם - דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין עַצְבוּת, וֵויינֶען אִיז נִישְׁט עַצְבוּת; דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, צוּ בֶּעטְן אַ מַתְּנַת חִינָם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן, כו), צַדִּיקִים קֶענֶען בֶּעטְן וָואס עֶס קוּמְט זֵיי, דָאךְ בֶּעטְן זֵיי נָאר אַ מַתְּנַת חִינָם; "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ בֶּעט דִיר אַ מַתְּנַת חִינָם, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, גֶעבּ מִיר הַרְוָחָה וְכוּ'".

עַצְבוּת אִיז וֶוען מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס אִיז דִי חִילוּק פוּן אַ 'לֵב נִשְׁבָּר', אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ - צוּ 'עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה', דֶעפְּרֶעסְט, דֶערְבִּיטֶערְט; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מב), 'עַצְבוּת' אִיז וֶוען מֶען אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַצְבוּת אִיז זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוּן הָאבְּן טַעֲנוֹת, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אָבֶּער 'לֵב נִשְׁבָּר' אִיז - זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הֶענְט צוּם הִימְל, כְּבֶן הַמִּתְחַטֵּא, אוּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים.

זֶע אָבֶּער זָאלְסְט אוֹיךְ אַוֶועק גֶעבְּן צַייט פַאר תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, תְּפִלָּה מוּז גֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען כֹּחַ וַוייטֶער צוּ בֶּעטְן; דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן גֶעבְּט כֹּחַ צוּ בֶּעטְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, לָאז זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת אוּן מַאךְ פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת אוֹיךְ תְּפִלָּה, דָאס אַלֵיין קֶענְסְטוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## גֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן פַאר קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ מֶען דַארְף אִיבֶּערְרֶעדְן קִינְדֶער פוּן בְּעֶרֶךְ פִינְף יָאר אַלְט אַז אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן דַאוֶוענֶען וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זִיסְוַוארְג אוּן גוּטֶע מַתָּנוֹת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער דַאוֶוענֶען מִיט הִתְלַהֲבוּת, אָדֶער אִיז מֶער רִיכְטִיג זֵיי צוּ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ דַאוֶוענֶען נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אָן דִי צוּקֶערְלֶעךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְּסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): ״אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן״, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא; מְלַמְּדִים הַאלְטְן דִי וֶועלְט, דִי מְלַמְּדִים לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

אַוַודַאי אִיז גוּט צוּ גֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דַאוֶוענֶען שֵׁיין, אַזוֹי גֶעוואוֹינְט מֶען זֵיי צוּ זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועלְן זֵיי דַאוֶוענֶען אָן דִי גוּטֶע זַאכְן, זֵיי וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין אַז דַאוֶוענֶען אִיז לֶעבְּן, תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי. מִיר גֶעפִינֶען אִין חֲזַ״ל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וִוי זֵיי הָאבְּן מְשַׁחֵד גֶעוֶוען תַּלְמִידִים. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.), עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ, עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד

און גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק, און אִיךְ רֶעד אִים צוּ, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען - וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען"; דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין כֹּחַ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִלּוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא מְצִיעָא פה.), רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אַזוֹי מְשַׁחֵד גֶעוֶוען אַ זוּן פוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, און אַ זוּן פוּן רֶבִּי טַרְפוֹן, עֶר הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט צוּזָאגְן שִׁידוּכִים וְכוּ', און שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים און גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

### ווי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ מַיינֶע גֶעפַאלֶענֶע בְּרִידֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה.

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי בְּרִידֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעשִׁיקְט אַ בִּילְד פוּן אִים אָן אַ קַאפְּל אִין אַ פְּרִיצוּת'דִיגֶע פְּלַאץ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ זֶען מַיינֶע בְּרִידֶער אִין אַזַא מַצָּב.

אִיךְ הָאב גְעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן צוּ דֶעם, אוֹיסֶער צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵיי? אִיךְ קֶען רֶעדְן מִיט זֵיי, זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט מִיר, אָבֶער וָואס קֶען אִיךְ זֵיי זָאגְן? זָאל אִיךְ רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן תַּכְלִית, פוּן גֵיהִנוֹם? וָואס קֶען אִיךְ רֶעדְן מִיט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן?

אִיךְ וָוארְט זֵייעֶר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן, אַז אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען אֵיינֶער גֵייט אַוֶועק פוּן דִי דֶרֶךְ הַתּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין צַייט צוּ זָאגְן מוּסָר, מוּסָר דַארְף מֶען זָאגְן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְנֶעמֶען וָואס מֶען זָאגְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין יְבָמוֹת סה:): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן זָאגְן מוּסָר, "כַּךְ מִצְוָה שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא דִי מִצְוָה פוּן נִישְׁט זָאגְן וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן, מֶען וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי פוּן מִשְׁפָּחָה, דֶערְצֵייל זֵיי פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, וִוי זִיס זֵיי זֶענֶען, אוּן וִוי זֵיי מַאכְן דִיךְ פְרֵיילִיךְ. לַאדְן זֵיי אַיין צוּ דִיר אוֹיף אַ שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, זֵיי וֶועלְן זֶען וִוי שֵׁיין דוּ פִּירְסְט אַ שַׁבָּת סְעוּדָה, אָן קַיין גֶעשְׁרֵייעֶן, אָן קַיין נֶערְוֶועןְ; מִיט דֶער צַייט וֶועט דָאס מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע רוֹשֶׁם אוּן זֵיי וֶועלְן צוּבִּיסְלִיךְ צוּרִיק קוּמֶען.

נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה, דַאוֶונֶען בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן, (דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶענוּמֶען אַלְס אַן עֵדוּת פַאר דִי הַבְטָחָה וֶועגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי), הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט

אוֹיסְהַאלְטְן, פְלֶעגְט רֶבִּי נַפְתָּלִי גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיוּן אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז דֶער זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן, תְּפִלָה הֶעלְפְט אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעשְׁטָארְבְּן. וֶוען רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי: "נַפְתָּלִי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיךְ נִישְׁט, אַז דוּ הָאסְט אַזַא כֹּחַ פוּן דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן? וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע בְּרִידֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## אוֹיסְלָאזְן דִי דִקְדוּק רַשִׁ"י'ס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר מִיר, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אַוֶועק יֶעדְן טָאג אַ שָׁעָה מִיר צוּ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, אוּן אַפָּאר שָׁעָה, אִיךְ וֵויס אֲפִילוּ נִישְׁט וִויפִיל, מִיר צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו. אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט נָאר צוּ מִיר, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַלֶעמָאל וָואס אִיךְ דַארְף הֶערְן, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

הֱיוֹת אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּאלְגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט, הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י, וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן וֶוען אִיךְ קוּם אָן צוּ דִי דִקְדוּק רַשִׁ"י'ס, זָאל אִיךְ עֶס אוֹיךְ זָאגְן אָדֶער עֶס אוֹיסְלָאזְן? וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז הַיינְט דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין דִקְדוּק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י אִיז מְסוּגָל פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם, לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. עֶס אִיז יָדוּעַ בַּיי סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער דֶער הֵיילִיגֶער עֲצֵי חַיִים אוּן דֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי׳לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. רֶבִּי מָרְדְכַי׳לֶע הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: ״קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י (לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ״י), וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואו דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י״.

יֶעדֶע אוֹת פוּן רַשִׁ״י אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים (עַיֵין סֵפֶר נַחַל קְדוּמִים פַּרְשַׁת וַיֵרָא, אוֹת ד), אוֹיף יֶעדֶע טְרָאפּ טִינְט הָאט רַשִׁ״י גֶעצֵיילְט שִׁבְעָה נְקִיִים; אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי דִקְדוּקֵי רַשִׁ״י וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רלה), עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ לֶערְנֶען דִקְדוּק - קֶענְסְטוּ גוֹרֵם זַיין דִי רַשִׁ״י, וַוייל אֲפִילוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן רַשִׁ״י אִיז מְטַהֵר וּמְזַכֵּךְ אֶת הַנֶּפֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## אוֹיסְפְרֶעגְן דִי תַּלְמִידִים זֵייעֶר פְּרִיוַואטֶע עָבַר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ לֵיין דִי בְּרִיוו, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ לֶעבְּן מִיט דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דֶעם אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ מְחַיֶ' מַיין תַּלְמִידִים, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף.

אִיךְ הָאב יֶעצְט גֶעהֶערְט אַן אַלְטֶע שִׁיעוּר פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט דָארְט פוּן דֶעם אַז מֶען פְרֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס אַ בָּחוּר זַיינֶע פְּרִיוואטֶע זַאכְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט אַ תַּלְמִיד פוּן זַיין עָבַר. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אָבֶער דָא הַיינְט אַלֶע סָארְט שִׁיטוֹת אוּן מַהְלָכִים אִין חִינוּךְ, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס אַז עֶס אַרְבֶּעט יָא; אַז אוֹיב מֶען שְׁמוּעֶסְט אָפּ מִיט אַ בָּחוּר אַז אוֹיב עֶר פַאלְט חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ אוּן עֶר אִיז פּוֹגֵם רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל עֶר עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, אוּן דָאס הֶעלְפְט אִים זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן, (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר אוֹיב דֶער בָּחוּר אִיז מַסְכִּים צוּ דֶעם), אוּן עֶס זֶעט לְמַעֲשֶׂה אוֹיס אַז דִי וֶועג אַרְבֶּעט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס צוּ טוּן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ מַדְרִיךְ זַיין דִי תַּלְמִידִים בַּיי מִיר אִין יְשִׁיבָה, סַיי בְּרַבִּים אוּן סַיי פְּרִיוַואט - לוֹיט דִי הַדְרָכוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, אִיךְ דַאנְק אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען גֶעוואוֹיר צוּ וֶוערְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה, הָרַב ... שְׁלִיטָ״א**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַשְׁרֵיכֶם וְאַשְׁרֵי חֶלְקְכֶם אַז אִיר זֶענְט מְחַזֵּק בָּחוּרִים, הַיינְטִיגֶע טֶעג אִיז טוּן מִיט בָּחוּרִים מַמָּשׁ הַצָּלַת נְפָשׁוֹת; מִיט יֶעדֶע גוּט וָוארְט אוּן מִיט יֶעדֶע שְׁמֵייכְל - קֶען מֶען אָפְּרַאטֶעוֶועוֶען דוֹרוֹת, ווארוּל אִיז דֶער וָואס אִיז מְחַזֵּק בָּחוּרִים אוּן בְּלָאזְט אַרַיין אִין זֵיי חִיזוּק וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אוֹיסְצוּפְרֶעגְן דִי תַּלְמִידִים זֵייעֶר עָבַר, זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן; זַייט מְחַזֵּק אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן שִׂמְחַת הַמִּצְווֹת. אַ שָׁאד צוּ טַאפְּן אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, מֶען הָאט

גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זֵיי זָאלְן דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועץ, תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ זַיין גוּט.

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר קְלָאר גֶעזָאגְט, קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי בָּחוּרִים זֵייעֶר עָבַר, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל: "לֵייג אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד; זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען גְמָרָא אֲפִילוּ אָן קַיין הֲבָנָה, דָאס וֶועט זֵיי רֵיין מַאכְן אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן", אוּן אַזוֹי פִירְט זִיךְ דִי יְשִׁיבָה שׁוֹין קָרוֹב צוּ צְוָואנְצִיג יָאר; מֶען קְרִיכְט נִישְׁט אַרַיין אִין קֵיינֶעמְ'ס קִישְׁקֶעס, מֶען רֶעדְט נָאר אוֹיף לְהַבָּא, מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

רֶעדְט צוּ אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זֵיי פַאלְן אִין קְדוּשָּׁה וְכוּ', אוּן נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה קֶענֶען זֵיי זִיךְ דְרַאפֶּען אוּן דֶערְהַאלְטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלַן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרָא"ש הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

## לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן, אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים וַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוּנְזֶער בָּחוּר וֶוערְט בַּאלְד צְוָואנְצִיג יָאר, עֶר לֶערְנְט אִין אַ לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה, אוּן עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ דֶרֶךְ אוּן צוּ מוֹהֲרָ"שׁ, אוּן עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער אַז אוֹיבּ פָּארְט עֶר קַיין אוּמַאן, וֶועט מֶען אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה. אוּן אוֹיךְ אוּנְז, זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסִירְט עֶר זָאל פָארְן.

זָאלְן מִיר אִים לָאזְן פָארְן קַיין אוּמַאן, כָאטְשׁ וָואס מֶען וֶועט אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זִיכֶער גוּט עֶנְק זָאלְן מְחַזֵּק זַיין עֶנְקֶער זוּן וָואס הָאט גֶעפוּנֶען חִיּוּת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן וִויל פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; זַייט אִים מְחַזֵּק עֶר זָאל וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אוּן הֶעלְפְט אִים אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תגג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים

וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַּארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶּעלְן, "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

"וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם'", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי יְשִׁיבָה וואוּ עֶר פָּארְט, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן מִיט זֵיי, דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט, אוּן אַז מֶען פְרֶעגְט נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וואוּ מֶען אִיז גֶעוֶוען אוּן פַארְוָואס מֶען הָאט גֶעפֶעלְט, עֶנְטְפֶערְט מֶען טְרוּקְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען וֶועגְן אַ פְּרִיוַואטֶע סִיבָּה, אוּן אַז דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע קְרִיכְן אַרַיין מֶער טִיף מִיט שְׁאֵלוֹת, קֶען מֶען וַוארְפְן וֶוערְטֶער ווִי לְמָשָׁל עֶפֶּעס וֶועגְן אַ דָאקְטֶער וְכוּ'; דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין לִיגְנְט, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז דֶער דָאקְטֶער בְּרוּחָנִיּוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ל), דֶער צַדִּיק אִיז דֶער דָאקְטֶער, עֶר הֵיילְט אוֹיס דִי נֶפֶשׁ, רוּחַ, נְשָׁמָה אוּן אוֹיךְ דֶעם גוּף. מֶען קֶען דָאס בַּאהַאלְטְן אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע נוּסָח צוּ דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי נוּסַח הַתְּפִלָּה מִיט דִי קִינְדֶער, וֶוען אִיךְ דַאוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, בַּיי "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם", זָאל מֶען זָאגְן "בְּסֵתֶר וּבַגָּלוּי", אָדֶער "בְּסֵתֶר כְּבַגָּלוּי"? אוּן בַּיי "אַהֲבַת עוֹלָם" זָאגְט מֶען "עוֹל הַגּוֹיִם וְעוֹל הַגָּלֻיּוֹת מֵעַל צַוָּארֵינוּ" אָדֶער זָאגְט מֶען עֶס נִישְׁט? בַּיים בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, בַּיי "רַחֵם נָא", זָאגְט מֶען "שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּשֵׁל", אָדֶער זָאגְט מֶען נִישְׁט "נִכָּשֵׁל"? בַּיי מִנְחָה בַּיי קָרְבָּנוֹת זָאגְט מֶען דִי "יְהִי רָצוֹן" צְווִישְׁן דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן צְוֵויי "וַיְדַבֵּר", אָדֶער נִישְׁט?

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט צְוֵויי שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶע מַתָּנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אוּם זֹאת חֲנוּכָּה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אוּן אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען דָארְט פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ז׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִייל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד; אַלֶע תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת - וֶועט דֶער מְלַמֵּד בַּאקוּמֶען שְׂכַר דֶערוֹיף לְנֵצַח נְצָחִים.

בְּנוֹגֵעַ נוּסָח וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז עֶר מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אִין נֻסְחָאוֹת, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל דַאוֶוענֶען ווִי אַזוֹי מֶען הָאט מְקוּבָּל פוּן דִי עֶלְטֶערְן. נָאר אֵיין וָוארְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל זָאגְן, "מֶלֶךְ יָחִיד חַי הָעוֹלָמִים", נִישְׁט "מֶלֶךְ יָחִיד 'קֵל' חַי הָעוֹלָמִים", ווַייל אַזוֹי ווִי מֶען הוֹיבְּט אָן פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, מִיט דִי וֶוערְטֶער 'חַי הָעוֹלָמִים', דַארְף מֶען אוֹיךְ מְסַיֵּים זַיין פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט דִי וֶוערְטֶער מֶלֶךְ יָחִיד חַי הָעוֹלָמִים; אַנְדֶערֶע זַאכְן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ נִישְׁט גֶעמִישְׁט, נָאר יֶעדֶער דַאוֶוענְט לוֹיט זַיין נוּסָח.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ טוּן דִי מִצְוֹת, דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶס מוּז זִיךְ שְׁפִּירְן אִין כִּתָּה אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט. אַוַודַאי דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ; מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן, מֶען מוּז פָאלְגְן, אָבֶער עֶס מוּז זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט, אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן בַּיי דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס שְׁטֶערְט מִיר אַז מַיין וַוייבּ לֶעקְט דִי פִינְגֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן, מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פַאר מַיין הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן, נַחַת, שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן נָאךְ אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ מַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ אֵיין זַאךְ וָואס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, אַז נָאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן שְׁטֶערְט מִיר נָאכְאַלְץ אַז מַיין וַוייבּ לֶעקְט אִיר פִינְגֶער, אַלֶעס וֶוערְט נַאס פוּן דִי נַאסֶע פִינְגֶער, אוּן יֶעצְט מִיט דִי אֵיידִימֶער אִינְדֶערְהֵיים שְׁטֶערְט עֶס מִיר נָאךְ מֶער.

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ וַוארְפְן דֶעם שָׂטָן פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ. אִיךְ הָאבּ צוּ שְׁטַארְק לִיבּ מַיין וַוייבּ, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן אַז דִי שָׁלוֹם בַּיִת זָאל חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן צֶעשְׁטֶערְט; אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נַארִישׁ, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

עֶס װֶוענְדְט זִיךְ װִיפִיל דִי װַייבּ אִיז װֶוערְד; אוֹיבּ אִיז זִי טַייעֶר און בַּאלִיבְּט - מַאכְן דִי זַאכְן נִישְׁט אוֹיס, עֶס מַאכְט נִישְׁט קֵיין חִילוּק, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נה, ח): ״אַהֲבָה מְקַלְקֶלֶת אֶת הַשּׁוּרָה״, לִיבְּשַׁאפְט שְׁטוּפְּט אַװֶועק אַלֶעס; זַאכְן בַּאדֶערְן נִישְׁט.

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אִיז דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים װָואס עֶר טוּט; אַז מֶען הָאט אַ װַייבּ, מֶען הָאט קִינְדֶער, מֶען מַאכְט חֲתוּנָה קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַזוֹיפִיל גוּטְס. עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן דִי זַאכְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אוֹיבּ בַּאדֶערְן, בַּאדֶערְט מִיר אַסַאךְ זַאכְן, בַּאדֶערְט מִיר גָארְנִישְׁט״; מֶען דַארְף זוּכְן דִי מַעֲלוֹת פוּן זִיךְ און פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, װֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב, סִימָן א): ״מִי שֶׁשָּׂמֵחַ תָּמִיד, הוּא מַצְלִיחַ״, װֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ - אִיז מַצְלִיחַ; מֶען הָאט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ זַייעֶנְדִיג בַּיי דִי שְׁװִוֶיגֶער אִינְדֶערְהֵיים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן װָואס וַוארְט אוֹיף אַ שִׂמְחָה קֵיין עַיִן הָרָע, מִיר הַאלְטְן בַּיים עֶרְשְׁטְן קִינְד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, און מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף גֵייט מַיין װַייבּ קִימְפֶּעטְן בַּיי מַיין שְׁװִוֶיגֶער און מִיר גֵייעֶן זִיךְ אַריינְצִיעֶן צוּ מַיין שְׁװִוֶיגֶער

אִינְדֶערְהֵיים פַאר אַ שֵׁיינֶע פְּאר וָואכְן; ווייל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיךְ צוּגְרֵייטְן וְוִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וֶוען מֶען וואוֹינְט בַּיי דִי שְׁוִויגֶער, בִּכְלַל וְוִי אַזוֹי מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִין דִי הוֹיז, צִי קֶען מֶען זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט נַאכְט קְלֵיידֶער, אוּן וְוִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט מִיט דִי שְׁווִיגֶער אַז מֶען בַּאגֶעגְנְט זִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב, אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַּאר דִי שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט פַּאר אִינְגֶעלַייט יֶעדֶע דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא, מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף אַ שִׂמְחָה; וְויפִיל מִשְׁפָּחוֹת שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן עֶס זָאל זֵיי שׁוֹין לִיכְטִיג וֶוערְן, זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער; וְויפִיל עֶלְטֶערְן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵייעֶרֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען גֵייט הָאבְּן אַ קִינְד - דַארְף מֶען טָאג אוּן נַאכְט זָאגְן: **"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, אוּן בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן צוּ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

אַז דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן נֶעמֶען דִיךְ אַרַיין פַאר אַפָּאר וָואכְן - דַארְפְסְטוּ זֵיי זֵייעֶר דַאנְקֶען. וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים צוּ זֵיי זָאלְסְטוּ זֵיי גְרוֹיסְן אוּן זָאגְן שְׁכֹּחַ, קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אָן קְלַאפְּן, אוּן וַוארְטְן מֶען זָאל דִיר עֶפֶּענֶען; אֲפִילוּ מֶען מַאכְט דִיר שְׁפִּירְן הֵיימִישׁ וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ זֶען צִי דוּ קֶענְסְט עֶפֶּעס הֶעלְפְן, וְוִי לְמָשָׁל אַרוֹיס טְרָאגְן דִי מִיסְט וְכַדוֹמֶה לָזֶה. אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען מֶען גֶעבְּט דִיר עֶסְן זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי עֶסְן.

דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרוּם מִיט דִי נַאכְט קְלֵיידֶער, פִּיר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי וִוי מֶען פִּירְט זִיךְ אִין דִי פְרֶעמְד, אוּן אֲפִילוּ זֵיי וֶועלְן דִיר בַּאקְוֶועם מַאכְן אוּן דִיר זָאגְן זָאלְסְט זִיךְ פִירְן הֵיימִישׁ, זָאלְסְטוּ זֵיי בַּאדַאנְקֶען אָבֶער זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אַ שְׁוִויגֶער גְרִיסְט מֶען, אוּן אַז מֶען פְרֶעגְט שְׁאֵלוֹת עֶנְטְפֶערְט מֶען, מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט שֵׂכֶל אוּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

קוּק אַוֶועק אוֹיף דַיינֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, אוּן אַז עֶס אִיז דִיר בַּאקְוֶועמֶער צוּ זַיין אִין דַיינֶע אֵייגֶענֶע ד׳ אַמוֹת - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַ קִימְפֶּעטָארִין דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן, בִּפְרַט בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע קִינְד דַארְף מֶען הָאבְּן דִי מַאמֶע זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט מְרַמֵּז זַיין אַז עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם, זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דַיין וַוייבּ קֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וֶועסְטוּ צוּרִיק אַהֵיים גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מֶען דַארְף טְרַאכְטְן נָאךְ גֶעדַאנְקֶען וָואס מֶען קֶען מַאכְן פַאר דִי יוּגֶענְט, זֵיי אָנְפִילְן מִיט אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים. דִי נִסְיוֹנוֹת פוּנֶעם דוֹר וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, אוּן מֶען מוּז אָנְקוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

דָא הָאסְטוּ נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא וָואס הָאט גֶעזֶען בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּבּ לִיגְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אוּנְטֶער דִי פִיס פוּן בֶּענְקְל.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז וִויכְטִיג, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דִי וָואךְ בַּיי אַ חֲתוּנָה אוּן גֶעזֶען וִוי בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואס אִיז מְגַלֶה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי צֶערַייסְן דָאס אוּן זֵיי זֶענֶען דָאס מְבַזֶה; אִיז וִויכְטִיג צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים, אוֹת קיא).

אַ סֵפֶר אוֹיף דֶער עֶרְד? וָואס אִיז מִיט אַייךְ? אִיר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט? אִיר לֵייגְט אַ סֵפֶר וָואס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּנְטֶער דִי פִיס פוּנֶעם בֶּענְקְל? וָואס גֵייט דָא פָאר?!

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ

שְׁטָאט וָואס דֶער רָב דָארְט אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְּדִים אוֹיף חֲסִידִים, דֶער רָב הָאט גֶעוִויזְן פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא וִוי עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנְטֶער דִי בֶּענְקֶל, אַז דִי בֶּענְקֶל זָאל זִיךְ נִישְׁט שָׁאקְלֶען, עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא אוֹיבּ עֶר קֶען אִים דֶערְצֵיילְן וֶועגְן דֶעם בַּעַל מְחַבֵּר פוּן דֶעם סֵפֶר.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט פַאר דֶעם רָב, דֶער מִתְנַגֵּד: "אַ סֵפֶר אוֹיף דֶער עֶרְד? וָואס אִיז מִיט אַייךְ? אִיר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט? אִיר לֵייגְט אַ סֵפֶר אוּנְטֶער דִי פִיס פוּנֶעם בֶּענְקֶל? וָואס גֵייט דָא פָאר?!"

אִיר ווילְט אִיךְ זָאל אַייךְ דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק? אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן, וָואלְט אִיר גֶענוּמֶען אִים אַלֵיין אוּן אִים גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנְטֶערְן בֶּענְקֶל - וָואלְט עֶר גֶעשְׁוִויגְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז אַן עָנָיו אוּן בַּיי זִיךְ זֵייעֶר קְלֵיינְטְשִׁיג.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען קַיין סְפָרִים, אוּן נָאךְ אַ זַאךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, וִוי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְן אַ גוּט לֶעבְן, אוּן וִוי פַארְשֶׁעמְט זֵיי זֶענֶען, וִוי מֶען וַוארְפְט זֵייעֶרֶע סְפָרִים אוֹיף דֶער עֶרְד.

מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן אוֹיף זֵייעֶר סְפָרִים.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד פוּן אַ שְׁטוּבּ, אַ טִישׁ אוּן בֶּענְקֶל, אוּן אוּנְטֶער אֵיין פִיסְל פוּנֶעם בֶּענְקֶל לִיגְט דֶער סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, אוּן אַ בִּילְד פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא (דִי בַּאקַאנְטֶע בִּילְד), וִוי עֶר שְׁטֵייט פוּן דֶער זַייט מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים, וִוי אֵיינֶער וָואס זָאגְט אוֹי וֵויי... אוּן אַ בִּילְד פוּן נָאךְ אֵיינֶעם וִוי עֶר וַוייזְט פַארְן בַּעַל הַתַּנְיָא מִיטְן פִינְגֶער אוֹיפְן נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווייז פַאר'ן קִינְד אַז זַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען חָשׁוּב בַּיי דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אִין חֶדֶר, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען חֲנוּכָּה בַּיי זֵייעֶרֶע כִּיתּוֹת; זֵיי לֶעבְּן אוּן שַׁיינֶען.

דַיין זוּן אִין כִּתָּה ב הָאט אַ צֶערִיסֶענֶע סִידוּר, עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ סְפָרִים פַאר דַיינֶע קִינְדֶער - וֶוערְסְטוּ בְּקַטְנוּת הַדַּעַת; קוֹיף אִים אַ שֵׁיינֶע סִידוּר, וַוייז אִים וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז פַאר דִיר אַז עֶר דַאוֶוענְט אוּן לֶערְנְט. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִין כִּתָּה אוּן גֶעדַאוֶוענְט מִיט זֵיי - הָאבּ אִיךְ אִים צוּגֶעקְלֶעבְּט דִי סִידוּר, אָבֶּער עֶס אִיז בֶּעסֶער אִים צוּ קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע נֵייעֶ סִידוּר אוּן אִים וַוייזְן אַז דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ בַּיי עֶנְק עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קִינְדֶער אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ, קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֵויינֶען דַארְפְן דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, נִישְׁט דִי וָואס הָאבְּן נֵייעֶס אַז מֶען וַוארְט שׁוֹין נָאךְ אַ קִינְד וְכוּ'; קִינְדֶער אִיז דָאךְ דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ, קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה.

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַייךְ נָאכְאַמָאל אִין אַ שׁוּתְּפוּת, וִוי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן 'אִיךְ וִויל נִישְׁט גֵיין בְּשֻׁתָּפוּת מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא.): "תָּנוּ רַבָּנָן, שְׁלֹשָׁה שׁוּתְּפִין יֵשׁ בָּאָדָם", דְרַיי שֻׁתָּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ, "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאָבִיו, וְאִמּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע וְכוּ'; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ קִינְד, אוּן שׁוֹין וִויל עֶר אַייךְ נֶעמֶען אִין נָאךְ אַ שׁוּתְּפוּת - אוֹיף דֶעם וֵויינְט

מֶען נִישְׁט, אוֹיף דֶעם שְׁרֵייט מֶען נִישְׁט, און חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן פון טוּן פְּעוּלוֹת פון זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל דֶער זוֹהַר זָאגְט אַז דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירָה אוֹיף דִי וֶועלְט, און צוּלִיב דִי עֲבֵירָה לַיידְט מֶען צָרוֹת, און אֲפִילוּ מֶען דַאוֶוענְט הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט (פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, דַף ג:).

דִי לִינְקֶע וֶועלְט קוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע שִׁיטוֹת כְּאִילוּ מֶען קֶען גֶעבְּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט פַאר אֵיין קִינְד ווִי פַאר צְוֵויי, מֶען דַארְף הָאבְּן צַייט פַארְן קִינְד און צַייט פַאר זִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳; ווִי קְלוּג זֵיי זֶענֶען - קֶענֶען זֵיי נִישְׁט זַיין קְלִיגֶער פוּנֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער; אִיר דַארְפְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און חַס וְשָׁלוֹם וֵוייגֶען אוֹיף גוּטְס; וֵוייגֶען אִיז שׁוֹין דָא גֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל פְּרוֹיעֶן וָואס וֵוייגֶען און וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער.

אַז אִיר ווִילְט כֹּחַ זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי עֵצָה פון רֶבִּי׳ן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים לוֹיבְּן; דָאס בְּרֶענְגְט כֹּחַ און מֹחַ, "וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב", אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט ׳עֶס אִיז מִיר גוּט׳ - "אֵיטִיב" וֶוערְט נָאךְ מֶער גוּט (בְּרֵאשִׁית לב, יג).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט הָאבְּן הִתְפַּעֲלוּת און חֲלִישׁוּת הַדַעַת פון דֶעם און יֶענֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, ז׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל; אַז עֶס אִיז דָא מַיין נָאמֶען אוֹיפְן טִיר - דַארְפְסְטוּ מִיר דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, און אוֹיךְ בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז דוּ בִּיסְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פון הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ צוּלִיבּ דִי הִתְנַהֲגוּת פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וְכוּ׳; הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז אַלֶע זֶענֶען מַלְאָכִים און יֶעצְט זֶעסְטוּ אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט, מֶען פַארְשֶׁעמְט.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז מֶען הָאט מְבַזֶּה גֶעוֶועןְ דֶעם אִיד דֶעם כֹּהֵן, בַּיים דוּכְנְ׳עֶן הָאט מֶען אִים אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן זַיינֶע שִׁיךְ, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן זַיינֶע שִׁיךְ הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לִיגְט אִינְדְרוֹיסְן אוּן אִים אוֹיסְגֶעשְׁפַּארְט; אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַז מַיין נָאמֶען בִּנְשִׂיאוּת - שְׁטֵייט אוֹיפְן טִיר.

אִיךְ וִויל זָאלְסְט צוּרִיק גֵיין דַאוֶונֶען אוּן מִיר דֶערְצֵיילְן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז מְבַזֶּה אָדֶער מֶען טוּט וֵויי אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן דֶעם אָדֶער יֶענֶעם, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם. הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דִי שֵׂכֶל אוּן עֵצוֹת פוּן צַדִיק. מֶען דַארְף זַיין גְרֵייט אוֹיף חֲלִישׁוּת הַדַעַת, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אוֹיף רֶבִּי שִׁמְשׁוֹן שְׁוַוארְץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד וָואס הָאט גֶעפִירְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר שְׁטִיבְּל אִין אַמֶערִיקֶע, אִין קִרְיַת יוֹאֵל. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ דַאוֶונֶען אִין שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים, זַיין בַּיים קִיבּוּץ רֹאשׁ הַשָׁנָה, נָאכְן עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָׁנָה, אִיז עֶר מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דִי הִתְנַהֲגוּת וָואס הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעטוּן, פוּן דִי עַזוּת פֶּנִימְ׳עֶר, פוּן דִי לֵצִים וְכוּ׳, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען אִין תּוֹלְדוֹת אַהֲרֹן. נָאר נָאכְדֶעם וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים לַאנְגֶע שָׁעוֹת, אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער, בְּרֶסְלֶב אִיז דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן - אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן גֶעבּוֹיט אַ שֵׁיינֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ קְהִלָּה.

דָאס זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זָאלְסְט אַוֶועק גֵיין פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן אַז מֶען נוּצְט נִישְׁט דַיינֶע מְזוֹנוֹת פַאר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת - אִיז נִישְׁט, דָאס זָאל דִיךְ נִישְׁט אַוֶועק טְרָאגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי רֵיינִיגֶער אִין חֵדֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיי דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז כְּדַאי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אַז דִי נִישְׁט אִידְן וָואס קוּמֶען רֵיין מַאכְן דֶעם בִּנְיָן זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען בִּשְׁעַת קִינְדֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אִין עֶס זַאל. אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר פָּארִיגֶע וָואךְ, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט אִים דֶער גוֹי וָואס פְלֶעגְט רֵיינִיגְן דִי חֵדֶר מְטַמֵא גֶעמַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט לַיידְט עֶר רַחֲמָנָא לִצְלָן. עֶר קוּמְט פוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ חֵדֶר, וָואס אַלֶע לוֹיבְּן אוּן אַלֶע זָאגְן אַז דִי חֵדֶר אִיז דִי בֶּעסְטֶע. עֶר זָאגְט מִיר מִיט בְּכִיּוֹת אַז עֶר הָאט נָאךְ קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, עֶר הָאט שׁוֹין אַ מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער דֶער מֹחַ אִיז אִים נֶעבֶּעךְ חָרוּב וְנֶחֱרַב.

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט רֶעדְן מִיטְן מֶענֶעדְזְשֶׁער, אַז דִי גוֹיִם וָואס קוּמֶען רֵיינִיגְן זָאלְן קוּמֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַהֵיים, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ, זֵיי מוּזְן יָא קוּמֶען פְרִיעֶר - זָאל מֶען זִיכֶער מַאכְן אַז קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין אִין עֶס זַאל.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, קְדוּשַּׁת הַיְסוֹד, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם. לֶערְן זֵיי אוֹיס אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיבּ אַ צְוֵוייטֶער וִויל אָנְרִירְן דָארְט, אַ צְוֵוייטֶער שְׁטֶעקְט אַרַיין דִי הֶענְט אִין זַיין הוֹיזְן - זָאל עֶר שְׁרֵייעֶן אוּן דֶערְצֵיילְן פַאר אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צְוֵויי קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן צֶעקְרִיגְן זִיךְ וֶועגְן אַ פּוּשְׁקֶע בָּאנְדְלֶעךְ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט קֶענְסְטוּ זֶען קְלָאר מִיט דַיינֶע אוֹיגְן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם שְׁטֵייט אוּן זוּכְט וִוי מֶען קֶען צֶעשְׁטֶערְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת, בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

וִוי קֶען זַיין אַז צְוֵויי קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן וִוי דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זִיךְ צֶעקְרִיגְן וֶועגְן אַ פּוּשְׁקֶע בָּאנְדְלֶעךְ? "אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַרְבֶּעס", מֶען הָאט יָא גֶעקוֹיפְט בָּאנְדְלֶעךְ פַאר שַׁבָּת, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקוֹיפְט בָּאנְדְלֶעךְ פַאר שַׁבָּת, אַרוּיף אוּן אַרָאפּ, אוּן מַאן אוּן וַוייבּ רֶעדְן שׁוֹין נִישְׁט, אוּן עֶס שְׁפְּרִיצְט פֵייעֶר אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אִיז דָאס נָארְמַאל?

מוּז זַיין אַז דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס שְׁטֵייט אוּן זוּכְט צוּ מַאכְן קְרִיגֶערֵייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערֵיי צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר ווִיל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיגְנָארִירְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיבּ אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן, אִיגְנָארִיר אִים. אִיגְנָארִירְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אָפְּצוּשְׁטֶעלְן מַחֲלֹקֶת. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג), מִיט אֵיין שְׁוַוייג פַארְעֶנְטְפֶערְט מֶען אַלֶע קַשְׁיוֹת.

גֶעוֶועֶנְלִיךְ זוּכְן דִי קִינְדֶער וָואס טְשֶׁעפֶּען - אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער וָואס וֶוערְן שְׁנֶעל גֶערֶעגְט, עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוֹיף דֶעם וַוארְטְן זֵיי; אָבֶּער אַז מֶען אִיגְנָארִירְט זֵיי, מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, אִיז נָאךְ אַפָּאר מָאל לָאזְן זֵיי אָפּ און זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע קָרְבַּן.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג. קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, קוּק נָאר אוֹיף דַיין מְלַמֵד, און קוּק אִין דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ, אִין דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ בֶּעט נָאכְאַמָאל, סַיי אַייךְ און סַיי אַייעֶרֶע חַבֶר׳טֶעס, מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה. אִיךְ הֶער אַז מֶען רֶעדְט וַוייטֶער פוּן בָּחוּרִים, מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה; אוֹיבּ מֶען וֶועט אַזוֹי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין - וֶועל אִיךְ פַארְמַאכְן עֶנְקֶער קְלַאס, עֶנְק וֶועלְן מֶער גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט בֵּית פֵיגָא.

אוֹיךְ אִיז דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, עֶנְק לַאכְן זִיךְ אוֹיס פוּן דִי גֶעטְרֵייעֶ טִיטְשֶׁערְס; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

...

**מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג, נִישְׁט נָאר וָואס מֶען הָאט לִיבּ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיר זֶענְט אַ גוּט קִינְד, אִיר זֶענְט אַ טֵייעֶר קִינְד, אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב וֶועט

איר אַ כַּלָּה וֶוערן און אויפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב, וואו דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן, און בְּרֶענְגֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, הַאלְטְס אוֹיס דָאס בִּיסְל אִין סְקוּל, פִּירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ צוּ דִי סְקוּל, וֶוען מֶען דַאוֶוענְט - דַאוֶוענְט מִיט, און וֶוען מֶען לֶערְנְט - זָאלְט אִיר מִיט הַאלְטְן, און אוֹיךְ וֶוען מֶען נֵייט - זָאלְט אִיר מִיט נֵייעֶן, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַייךְ גָאר וֵוייניג אִינְטֶערֶעסַאנְט; דָאס אַלֵיין אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן, זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טוּט נִישְׁט נָאר וָואס מֶען וויל און וָואס מֶען הָאט לִיבּ, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג, מֶען טוּט וָואס מֶען דַארְף טוּן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, הַאלְטְס אוֹיס בִּיז אִיר וֶוערְט אַ כַּלָּה; אַ שָׁאד דָאס בִּיסְל צַייט וָואס אִיר הָאט נָאךְ - אַרוֹיס צוּ פַאלְן פוּן דִי וַוארֶעמֶע הֵיים "בֵּית פֵיגָא", אֲפִילוּ עֶס אִיז אַייךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ תְּפִלָּה אֵיידֶער אִיר גֵייט אַרַיין אִין קְלַאס: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר דִי כֹּחוֹת זִיךְ אַיינְצוּבֵּייגְן מַיין רוּקְן בֵּיין און מַיין קָאפּ פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר הַכְנָעָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף אִיךְ זָאל קֶענֶען פָאלְגְן וָואס שְׁטֵייט דָא אִינֶעם בְּרִיווּ"**.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועט אִיר בַּאלְד טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט אַייךְ פָאלְגְט מִיר.

...

**ווִי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן דִי תִּיקוּן פוּן שׁוֹבָבִי"ם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הוֹיבְּן יֶעצְט אָן דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט אַז מֶען קֶען אִין דִי טֶעג אַלֶעס פַארֶרעכְטְן. זָאלְסְטוּ שׁוֹין הַיינְט אָנְהוֹיבְּן מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יט) אַז דָאס אִיז תִּיקוּן הַבְּרִית. גֶעבּ אַ קוּק, שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ

גַאנְצֶע סֵפֶר בְּרֵאשִׁית, און מִיט דַיינֶע פוּילֶע תֵּירוּצִים - וואו הַאלְסְטוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט...?

נֶעם יֶעצְט אַ חוּמָשׁ און הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פון דִי פַּרְשָׁה פון דִי וָואךְ, דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה, צְוֵויי מָאל יֶעדֶע פָּסוּק חוּמָשׁ און אֵיין מָאל יֶעדֶע פָּסוּק תַּרְגוּם - וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פון זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין טוּן דִי מִצְוָה, און דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה זָאגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח), אַז דֶער גְרָ"א הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם און דָאס גֶעעֶנְדִיגְט עֶרֶב שַׁבָּת; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי און אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ קֶען מֶען לֶערְנֶען פון פָארְאוֹיס, זוּנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, מָאנְטָאג בִּיז רְבִיעִי, און אַזוֹי וַוייטֶער.

נֶעם יֶעצְט אַ חוּמָשׁ און הוֹיבּ אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט קַיין קָאנְטְרָאל פְּרִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ זָאגְן: "מַיין וַוייבּ אִיז אַ קָאנְטְרָאל פְּרִיק"; וֶוער הָאט דִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי וָוארְט? וֶועלְכֶער טִיפֶּשׁ הֶערְסְטוּ אוֹיס?! אַז דִי

וַוייבּ בֶּעט מֶען זָאל אַהֵיים קוּמֶען, נִישְׁט גֵיין מִיט חֲבֵרִים פַּארבְּרֶענֶען צַייט - מֵיינְט שׁוֹין אַז זִי אִיז אַ קָאנְטְרָאל פְרִיק?! אַז דִי וַוייבּ ווִיל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין מִיט פְּרֶעמְדֶע קָאפְּלְס מֵיינְט אַז זִי קָאנְטְרָאלִירְט?! דַיין וַוייבּ ווִיל אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, זִי ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין אֵיידֶעלֶע וַוייבּ, דָאס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, אוּן אַז זִי אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק תְּמִימוּת'דִיג - אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה, אוּן אַז זִי אִיז אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף מִנְהָגִים - אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה, אוּן אַז זִי ווִיל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין הַאנְט אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת - אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה, אוּן אַז זִי ווִיל נִישְׁט גֵיין עֶסְן מִיט פְּרֶעמְדֶע קָאפְּלְס וְכוּ' וְכוּ' - אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה.

אַז דַיין וַוייבּ ווִיל אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, אַז דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען דַיין טֶעלֶעפָאן - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין אַז עֶכְט מֶעג מֶען יָא וְכוּ'... אִיךְ ווֵייס מִשְׁפָּחוֹת וָואס דִי וַוייבֶּער זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל, אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אוּן דִי מֶענֶער מִיט זֵייעֶר טִפְּשׁוּת הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶכְט מֶעג מֶען יָא, אוּן עֶכְט אִיז עֶס נָאר אַ מִנְהָג, אוּן עֶכְט אִיז עֶס נָאר אַ דְרַבָּנָן, אוּן הַיינְט קוּמֶען דִי אִינְגֶעלַייט אוּן שְׁרֵייעֶן: "הַצִּלֵינוּ, רַאטֶעוֶוע! דִי שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט!" וַוייל דָאס אִיז דִי נַאטוּר פוּן אַ פְרוֹי, אָדֶער תְּמִימוּת'דִיג, עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אָדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן - פַארְקֶערְט.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן דַיינֶע קְלֵיידֶער זָאלְן זַיין רֵיין אוּן מְסוּדָר, דֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכז), דִי קְלֵיידֶער אִיז אַ שְׁמִירָה פַארְן מֶענְטְשׁ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ טוֹישְׁן יֶעדְן טָאג דַיינֶע קְלֵיידֶער, נִישְׁט גֵיין מִיט דִי נֶעכְטִיגֶע קְלֵיידֶער, נְקִיּוּת אִיז דִי יְסוֹד צוּ קְדוּשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## תִּיקוּן פַאר שׁוֹבָבִי"ם, צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ד טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, דַארְפְן מִיר לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס אִיז מְחַזֵק אוּן מְעוֹדֵד צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אִיז נָאר דִי סְפָרִים; נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען טוּן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז - דָאס אִיז בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען", אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶּענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ אֶפְשָׁר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶער עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן בַּיים סוֹף, נָאךְ אַפָּאר מָאל-וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן פַאר שׁוֹבָבִי"ם, לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי לָאזְט אוּנְז נִישְׁט פַאסְטְן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִוי אַזוֹי אַלֶעס צוּ פַארֶערְכְטְן. מַאךְ זִיךְ אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מֶער אַרוֹיס גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן"; דָאס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין. אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֵייג אַרַיין אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבְבִי״ם טֶעג, דִי טֶעג אִיז מְסוּגָל צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַאסְטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן זָאגְן תְּהִלִּים; דָאס אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אוּן דָאךְ קוּמְט עֶס אָן אַזוֹי שְׁוֶוער.

לֵייג אַרַיין אִין טַאשׁ אַ קְלֵיינֶע תְּהִלִּים, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט – זָאלְסְטוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צח), וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט דָאס יֶעצְט, עֶס לִיגְט אִין דִי וֶוערְטֶער רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער וֶועקְט זִיךְ אוֹיף דִי רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ כְּאִילוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיין זָאגְט דִי וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַזוֹי סַאךְ שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, בְּלַייבְּט נִישְׁט צַייט צוּ טְרַאכְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט״ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט בַּיי דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלֹקֶת אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי רְדִיפוֹת״.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ טִיפֶע שֵׂכֶל; אַז מֶען לֵייגְט דִי קָאפּ אִין תּוֹרָה, תְּפִלָּה, עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ זוּכְן אוּן טְרַאכְטְן אוֹיף וָואס זָאל שְׁטֶערְן.

מַאךְ זִיךְ אַ צִיל צוּ עֶנְדִיגְן דִי יָאר שַׁ"ס, אוּן אוֹיךְ צוּ עֶנְדִיגְן בְּכָל חוֹדֶשׁ מִשְׁנָיוֹת אוּן תִּיקוּנֵי זוֹהַר, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְן קַיין צַייט אַז זַאכְן זָאלְן דִיךְ בַּאדֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִין דִי שׁוֹבְבִי"ם טֶעג, אִיז חַזֶר'ן אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרַךְ - יוֹם הַ' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת; זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְטוּן אִין דִי אֱמוּנָה, חַזֶר אֱמוּנָה, אוּן לֶעבּ מִיט אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צוּקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל פוּן פָארְאוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צֶעקְלַאפְּן זַיין פִינְגֶער; פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, גֶעזוּנְט - אַלֶעס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חָבֵר; דִי לֶעבְּן וֶועט דִיר וֶוערְן זִיס, מִיט אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי שֵׁיין אַלֶעס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה - גֵייט אִים אַלֶעס גָאר אַנְדֶערְשׁ; מֶען וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גוּטְס טוּן, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אִין דִי שׁוֹבְבִי"ם טֶעג; חַזֶר'ן אֱמוּנָה, לֶעבְּן מִיט

אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, "וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל", אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", נָאר אַזוֹי ווִי פְּרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְגֶעניוּגְן אוּם שַׁבָּת, אִיז מֶער ווִי פַאסְטְן טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת פוּן דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן מֶען הָאט אַ פַארְגֶעניוּגְן פוּן שַׁבָּת - אִיז דָאס מֶער ווִי פַאסְטְן טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, ג): "עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, עֶר הָאט הֲנָאָה פוּן דָאס עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען - אִיז דָאס אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים; בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם ווָאכְן וָואס מִיר זֶענֶען מְתַקֵּן פְּגָמֵי הַבְּרִית - דַארְפְן מִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, ווַייל צוּ פַאסְטְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אוֹיף אֵיין מָאל פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - דַארְף מֶען שׁוֹין פַאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים.

דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אֵיין מָאל אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - דַארְף עֶר פַאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים, אוּן אַז מֶען ווִיל מְתַקֵּן זַיין צֶען מָאל דִי עֲבֵירָה - דַארְף מֶען שׁוֹין פַאסְטְן אַכְט הוּנְדֶערְט אוּן פֶערְצִיג טֶעג, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיף מֶער - אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, אוּן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט פַאסְטְן אִיז וָואס אִיז

אוּנְזֶער תַּקָּנָה? נָאר מִיט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת; אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת, מִיר וֶועלְן טַאנְצְן שַׁבָּת, וָואס דָאס אִיז כְּאֶלֶף תַּעֲנִיתִים - דָאס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע זִינְד.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# מהדורת איינהארן

## הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות

## החתן **נחמן יושע איינהארן** הי"ו

## וזוגתו **שרה בת שבע** תחי'

לרגל שמחת נשואיהם בשטו"מ

הקדוש ברוך הוא יעזור שהזיווג יעלה יפה יפה, ושיהיו מאושרים כל החיים, ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, ולהוליד בנים ובנות בריאים וקיימים.

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון